STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11178

FINF UN TSVANTSIK LIDER

Henry Wadsworth Longfellow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיט פריינדשאפט
צו מיין ליבן פריינד און לערער:
דר. [illegible]
[illegible]
פון דר. א. אייסען
[illegible] 1933

ה׳ װ. לאָנגפעלאָ

פינף און צוואַנציק לידער

איבערזעצט פון
דר. א. אייסען

פארלאג „אויפקום"
61 איסט 4טע גאס
ניו-יארק, 1933

פון זעלבן איבערזעצער זיינען דערשינען:

אין יאָר 1925: לאָרד בייראָנס „דער געפאַנגענער פון שילאָול
אין יאָר 1926: „די רוביאַט" פון אָמאַר כאַיאַם
אין יאָר 1928: לאָרד בייראָנס „די אידישע מעלאָדיעס"
אין יאָר 1930: לאָרד טעניסאָנס „ענאָך אַרדען"
אין יאָר 1932: לאָרד בייראָנס „קין"

עס ווערן צוגעגרייט צום דרוק:

וו. שעקספּירס „קעניג ליר"
און
דזשאָן מילטאָנס „שמשון הגבור"

Copyright by Dr. A. Asen
New York, N. Y., 1933

A. POSY PRESS
1125 W. WALNUT STREET, MILWAUKEE, WIS.
26

אַ מתנה מײַנע קינדער
מנחם מ. און נאַטאַליע קלעיר

מיין האַרציקסטן דאַנק —

מיין ליבן פריינט, דעם דיכטער אברהם רייזען, פאַר זיין ווערטפולער איבערזיכט פון דער דאַזיקער לידער־זאַמלונג פון לאָנגפעלאָ אין מיין אידישער איבערזעצונג.

א. א.

הענרי וואַדסוואָירט לאָנגפעלאָ

(1807—1882)

(אַ קורצע ביאָגראַפיע)

לאָנגפעלאָ איז געבאָרן געוואָרן אין פאָרטלאַנד, מעין, דעם 27טן פעברואר, 1807. נאָך אַלס אינגל האָט ער שוין אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע נייגונג צו ליטעראַטור און באַזונדערס צו פּאָעזיע. צו דרייצען יאָר האָט דער שטאָלצער אינגל שוין געהאַט אָפּגעדרוקט זיין ערשט ליד אין אַ פּאָרטלענדער זשורנאַל.

צו פופצן יאָר איז ער אריין אין באָודאָין קאָלעדזש, וואָס ער האָט געענדיקט אין צוויי יאָר אַרום מיט גרויסער אויסצייכענונג, און ער איז באַלד אריין אין זיין פאָטערס אָפּיס כדי נאָכצופאָלגן זיין פאָטערס פּראָפעסיע אַלס לאָיער. אַ יאָר שפּעטער האָט ער געמאַכט אַ רייזע קיין אייראָפּע און אין פאַרלויף פון דריי יאָר האָט ער באַזוכט פאַרשיידענע לענדער, מיט דער אַמביציע צו שטודירן פרעמדע שפּראַכן.

~~צו פיר און צוואַנציק יאָר האָט ער געהייראַט מערי~~

אין באָודאָין קאָלעדזש אַלס לערער פון פראַנצויזיש, שפּאַניש און איטאַליעניש; און צו דער זעלבער צייט האָט ער אויך מיטגעאַרבעט אין דעם מאַנאַטשריפט „נאָרד־אַמעריקאַן רעוויו".

צו פיר און צוואַנציק יאָר האָט ער געהייראַט מיט מערי סטאָרער פּאָטער, די טאָכטער פון אַ באַרימטן ריכטער אין פּאָרטלאַנד. אין צוויי יאָר אַרום, אין 1833, איז דערשינען זיין ערשטער באַנד לידער. אין 1835 האָט ער געמאַכט זיין צווייטע רייזע, כדי פאָרטצוזעצן זיין שטודיום אין די לענדער אויף יענעם זייט ים. אין דעם זעלבן יאָר איז זיין פרוי געשטאָרבן.

אין 1836 האָט לאָנגפעלאָ זיך צוריקגעקערט קיין אַמעריקע און זיך עטאַבלירט אין קיימברידזש, וואו ער האָט אין די פאָלגענדע יאָרן זייער פיל געשאַפן אין פּראָזע און פּאָעזיע. אין 1841 איז ער צוליב דער דערשיינונג פון זיינע באַלאַדן און אַנדערע לידער געוואָרן

ווייט בארימט, און פון דאן אן איז זיין נאמען אפט דערשינען אויף פארשידענע נייע אויסגאבן פון זיינע שאפונגען.

אין יאר 1843 האט לאנגפעלא געהייראט צום צווייטן מאל מיט פראנסים עליזאבעט אפעלטאן. די צווייטע הייראט איז געווען א פיל גליקלעכערע פון דער ערשטער. דער סוף איז אבער געווען א מער טראגישער, א פאטאלער. איינמאל, א נאכמיטאג אין יולי 1861, ווען לאנגפעלא און זיין פרוי זיינען געזעסן מיט צוויי פון זייערע קליינע מיידלעך — לאנגפעלא ביי א בוך און זיין פרוי האט איינגע־קלעפט אין קליינע קאנווערטן אפגעשארענע לאקעלעך האר פון אירע קינדער, איז דער ברענענדיקער וואקס, וואס זי האט גענוצט צו פארקלעפן די קאנווערטלעך, אראפגעפאלן אויף איר זיידן קלייד און ס'האט באלד אויסגעבראכן א פלאם־פייער. כאטש לאנגפעלאן איז געלונגען דעם פייער תיכף אויסצולעשן, דאך איז מרס. לאנג־פעלא אזוי צעברענט געווארן, אז זי איז דעם צווייטן טאג געשטארבן. מ'האט איר באערדיקט דריי טעג שפעטער, וואס איז אויסגעקו־מען אין דעם טאג פון זייער חתונה. לאנגפעלא אליין איז געווען אזוי שטארק צעברענט, אז ער האט ניט געקענט זיין אנוועזנד אויף דער לויה פון זיין געליבטער פרוי.

דאך האט קיין זאך נישט געקענט אפשטעלן די קראפט פון זיין פריזכטבארן שאפן. פאר א קורצער צייט האט ער קיין אריגינעלעס ניט געשאפן און זיך אפגעגעבן בלויז מיט איבערזעצונגען. פון 1867 ביז 1870 האט ער געארבעט אויף דאנטעס „הייליגע קאמעדיע" אין ענגליש און ערשט אין די שפעטערע יארן האט ער ארויסגעגעבן פיל ווערק פון זיינע רייפסטע שאפונגען.

אין 1868 האט דער דיכטער צום לעצטן מאל באזוכט איירָאפּע און האט זיך צוריקגעקערט נאך אמעריקע אין 1870, וואו ער איז געווען פארזיכערט מיט אלע מאטעריעלע באקוועמלעכקייטן.

אין מערץ 1882, אין עלטער פון 75 יאר, האט ער נאך א קור־צע קראנקייט זיך געשיידט מיט דער וועלט. זיין טויט איז באדויערט געווארן ניט נאר אין זיין געבורטסלאנד, נאר אין אלע לענדער, וואו ער איז דורך זיינע ווערק געווארן בארימט.

א. א.

אַ סקיצירטע עסיי

פון יואל סלאָנים

העגרי וואַדסוואָירטה לאָנגפעלאָ איז נאָך היינט דער פּאָפּולער־סטער אַמעריקאַנער דיכטער. און ניט נאָר איז ער פּאָפּולער צווישן די סטודענטן, סקול־קינדער, און זייערע עלטערן, נאָר ער איז אויך פּאָפּולער צווישן די אינטעליגענטע, די קולטורעלע קרייזן.

זינט לאָנגפעלאָ איז געשטאָרבן זיינען אײפּגעשוואומען נייע שטרעמונגען, נייע שולן אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע. שולן, אָבער, אין פּאָעזיע קומען, און שולן גייען אוועק, אָבער די פּאָעזיע בלייבט אייביק. דאָס איז אַ באַקאַנטער פאַקט.

דאָס וואָס איז שיין, דאָס וואָס האָט אין זיך נשמה, קאָן ניט פאַר־טיליקט ווערן פון די שטורעמס פון דער צייט. עכטע לידער פון צער און פרייד, פון ליבע און בענקשאַפט, פון אומעט און טויט, ווען פאַרבלייבן אַזוי לאַנג ווי עס פאַרבלייבט אַ נשמה אין דעם מענטשן.

און לאָנגפעלאָ האָט אין זיינע לידער געזונגען וועגן זיך, און דורך זיך — צו אַמעריקע.

און ניט נאָר האָט ער געזונגען צו די נשמות אין אַמעריקע, נאָר דורך אַמעריקע האָט ער געזונגען צו דער גאַנצער וועלט.

קיין אַמעריקאַנער דיכטער איז ניט געווען, און איז אפילו איצט ניט אַזוי פּאָפּולער אין אייראָפּע און אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט ווי עס איז לאָנגפעלאָ.

ער האָט ניט באַשאַפן קיין ספּעציעלע שול אין דער דיכטונג. ער איז ניט געווען קיין באַן־ברעכער. ער האָט ניט אויפגעדעקט די באַהאַלטענע מיסטעריען אין דער נשמה פון דעם איינצעלנעם, פון דעם זאַנדערבאַרן, און אפשר פון דעם אויסדערוויילטן. ער האָט אפילו ניט פאַראורזאַכט קיין סענסאַציע אין דער קונסט. ער האָט אָבער געזונגען וועגן זיך אַליין און וועגן אַנדערע ווי ער. ער האָט

ניט געזונגען העכער פון דעם קולטורעלן מענטשן, אָבער אויך קיינמאָל ניט נידעריקער פון דעם קולטורעלן און קונסט־ליבענדן מענטש.

פּאָו און וויטמאַן — צוויי גרויסע דיכטער, גרעסערע אין אַ קינסטלערישן זין ווי לאָנגפעלאָ. פּאָו גאַנץ זיכער אַ גרעסערער און אינטערעסאַנטערער אַרטיסט. וויטמאַן אַ גייסטרייכערע און אינטערעסאַנטערע פּערזענלעכקייט, אַ מאָדערנערע, אַ פּראָפעטישע. ביידע וועלן אָבער קיינמאָל ניט ווערן נאָענט און איינגעבאַקן אין די הערצער פון די ברייטע פּאָלקס מאַסן. איך גלויב, אַפילו, אַז זיי וועלן קיינמאָל ניט ווערן האַרציק נאָענט צו דער אינטעליגענציע. ביידע וועלן אפשר ווירקן טיפער און זיין פיל אינטערעסאַנטער פאַר דעם קונסט־קריטיקער, פאַר דעם באַזונדערן אויסקלייבער, און אפשר אויך פאַר דעם פּסיכאָ־אַנאַליטיקער אין דער קונסט.

לאָנגפעלאָ, אָבער, פאַרבלייבט לאָנגפעלאָ. ער האָט זיך באַהעפט מיט די מערסטע הערצער, און האָט צוגעצויגן די הערצער צו זיך. לאָנגפעלאָ פאַרבלייבט דער יעניקער וואָס האָט, אַזוי ווי וויטיער און ברייענט, אויך דיכטער וואָס ווערן גאַנץ אָפט אונטערשעצט פון די יעניקע וואָס יאָגן זיך נאָך נייע מאָדעס, נאָך שפּאָגל־נייע פּאָטראַ־וועס, וועלכע ווערן גאַנץ שנעל סיי ווי סיי צוגעגעסן און אַלט, — געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער איצטיקער אַמעריקאַנער דיכטונג. ברייענט, וויטיער און לאָנגפעלאָ זיינען פיל מער נאָענט פאַרבונדן מיט דער נשמה פון אַמעריקע ניט נאָר ווי זי איז געווען אין זייער צייט, נאָר ווי זי איז אַפילו איצט, ווי אַ סך פון די מאָדערנערע און גאַנץ זיכער מער ווי מאַנכע העכסט־מאָדערנע דיכטער, וואָס מאַכן און זעען טאַקע דערצו אַז מען זאָל מאַכן וועגן זיי אַ טומל, אַ גערודער.

לאָנגפעלאָס לעבן איז געווען אַ לעבן פון שאַפן. ער איז געווען אַ פּראָפעסאָר אין האַרוואַרד אוניווערסיטעט. ער האָט געקענט ליטעראַטור, און ליטעראַטור־געשיכטע. ער האָט ליב געהאַט די קונסט. דאָס איז געווען זיין לעבן, זיין נשמה. ער האָט געשריבן ווערק וועגן ליטעראַטור און איבערזעצט ווערק פון פאַרשיידענע שפּראַכן. אָבער איין זאַך איז אים געווען נאָך טייערער ווי אַלץ — זיין אייגענע פּאָעזיע. אָט דאָס איז אַזוי נאַטירלעך פאַר יעדן אמתן פּאָעט, פאַר יעדן שאַפער וואָס וויל זינגען וועגן זיך, וועגן דאָס עכט מענטשלעכע און טיף־מענטשלעכע, וואָס פאַרבלייבט אייביק.

נאָך אַלס קינד האָט לאַנגפעלאָ געשריבן לידער און געשריבן האָט ער — אפילו זיינע סאַמע ערגסטע זאַכן — פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען, פון זיינע אייגענע נשמה־שטימונגען, פון דאָס וואָס איז געווען נאָענט צו אים. ניט נאָר זיינע ערשטע לידער, נאָר אפילו זיינע לעצטע לידער, זיינען כמעט אַלע געווען אוממיטלבאַרע, איינפאַכע, ניט קיין געקינסטלטע.

זיי זיינען געווען אָנגעהויכט פון דער דייטשישער ליריק, אפשר פון דער סקאַנדינאַווישער ליריק, און גאַנץ זיכער פון דער ענגלישער ראָמאַנטישער ליריק. געוויסע קריטיקער אין יענער צייט האָבן דאָס אים אויפגעוואָרפן. עדגער אַלען פּאָו אַליין האָט וועגן דעם געשריבן מיט פאָרוואורף. דער אמת איז, אָבער, אַז עס איז ניטאָ קיין איין דיכטער וועלכער ווערט ניט מער אָדער ווייניקער באַאיינפלוסט פון אַנדערע דיכטער, און אָפטמאָל אפילו פון מוזיקער אָדער מאָלער. פּאָו וועלכער האָט געשריבן אַנדערש ווי אַנדערע אין אַמעריקע, איז אַליין אויך באַשולדיקט געוואָרן פון אַנדערע דיכטער פון זיין צייט, אַז ער האָט נאָכגעמאַכט פרעמדע קינסטלער. פּאָו איז אין אַלגעמיין געווען באַזונדערס סוביעקטיוו אין זיינע קונסט מיינונגען. ער איז אפילו אָפטמאָל געווען אינטעלעקטועל ניט ערליך, ווייל ער איז געווען געקרענקט און פאַרביטערט וואָס ער ווערט ניט אַנערקענט, כאָטש ער האָט דווקא פאַרדינט אַנערקענונג. דער אמת איז, אַז כאָטש די פאָרם איז צייטנווייז געווען ביי לאַנגפעלאָ אַן אַנטליענע, איז אָבער דער תוך פון זיינע לידער שטענדיק געווען זיין אייגענער. און די גרע־סערע געזאַנגען זיינע זיינען אודאי און אודאי געווען ניט נאָר זייניקע, נאָר אפילו עכט אַמעריקאַנישע. ווער האָט געקענט שרייבן „הייאַוואַ־טע", „עוואַנדזשעלין" אָדער „מאַילס סטענדיש" אויב ניט אַן אַמע־ריקאַנער דיכטער? ער האָט אויך געשריבן פיל קלענערע לידער, וועלכע זיינען געווען נאַציאָנאַל אַמעריקאַניש אין דעם געוויינלעכן זין פון דעם וואָרט. צום ביישפּיל קאָן דערמאָנט ווערן „די בילדינג אָוו די שיפּ", אָדער „די טעילס אָוו די וועיסאַיד אין", „די אַרסענעל אָוו ספּרינגפילד" און אַנדערע ענלעכע לידער.

געווען אַ צייט אין דער געשיכטע פון די פאַרייניקטע שטאַטן ווען דער אינטערעס פון דער באַפעלקערונג איז געווען הויפּטזעכלעך אין פּאָליטיק. האָט מען גערעדט וועגן נאַציאָנאַליזם האָט מען פאַרשטאַנען פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם. צו יענער צייט, אין אַמעריקע, אַזוי ווי

איצט אין סאָוועטן־לאַנד און ביי די פּראָלעטפּעניסטן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, איז אָנגענומען געוואָרן אַלס אַ כּלל, אַז דער דיכטער דאַרף דינען אַ באַשטימטן קלאַס, מעג אַפילו דער קלאַס זיין דער פּראָלעטאַריאַט. דער אמת איז, אַז דער פּראָלעטפּענישער דיכטער מוז, צי ער וועט דאָס צוגעבן אָדער ניט, דינען די פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק, זינגען וועגן פּראָלעטאַריאַט, אָבער ניט פון דער נשמה פון פּראָלעטאַריאַט. ער מוז, ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק, ווערן דער ווערקצייג פון דעם פּאָליטיקער. ער מוז באַוואוסטזיניק ניט זינגען וועגן דאָס אייביקע געראַנגל פון דער נשמה, וועגן די פאַרשיידענע באַגריפן און נואַנסן אָדער וועגן די לײדנשאַפטן וואָס שטייען העכער און זיינען אייביקער ווי די אָדער יענער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

אָט אין יענער צייט פון דער געשיכטע פון אַמעריקע האָט מען אויך געפּאָדערט, אַז אַ דיכטער דאַרף דינען די אָדער יענע פּאָליטישע שטרעמונג אין לאַנד. אַ נאַציאָנאַלער דיכטער איז געווען דער יע־ניקער וואָס האָט ניט אַזוי געהאַט אַ ליבע צום לאַנד אָדער צו דער באַפעלקערונג, ווי צו די פּאַסירונגען פון דער רעוואָלוציע אָדער די פּרינציפּן פאַר וועלכע די רעוואָלוציע איז געקעמפט געוואָרן. אָבער לאָנגפעלאָ און ברייענט און וויטיער זיינען געווען די יעניגע וואָס האָבן געזונגען פון נשמה בענקשאַפטן, פון דער שיינקייט פון לאַנד, פון די בערג און טאָלן, די טייכן און ימים — דאָס וואָס איז עכט נאַציאָנאַל אין אַמעריקע און דעריבער שיין, אוניווערסאַל און אייביק.

ניט אין דער דאָזיקער קורצער סקיצירטער עסיי איז דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן ברייטער אויף דער ראָל פון לאָנגפעלאָ אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור אָדער אויף דער ראָל וואָס ברייענט און וויטיער פאַרנעמען אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער דיכ־טונג. אַלע זיינען זיי געווען נאָענט צום פאָלק און וויטיער אפילו דער נאָענטסטער פון די דריי. אַלע האָבן זיי געשעפּט זייער אינספּי־ראַציע הויפּטזעכלעך פון אַמעריקע. די דריי האָבן באַאיינפלוסט די אַמעריקאַנער דיכטונג וואָס איז געקומען נאָך זיי. עס מאַכט ניט אויס צי די מאָדערנע דיכטער ווילן דאָס צוגעבן אָדער ניט. דער סטודענט פון דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע וועט עס באַמערקן אויף שריט און טריט.

געווען אַ געוויסע צייט אַ מאָדע צו פאַרמינדערן די וויכטיקייט פון

לאָנגפעלאָ אין באַשטימטע אַמעריקאַנער ליטעראַטור קרייזן. אפשר איז דאָס נויטיק געווען, אָדער בעסער געזאָגט, אפשר האָט מען דאָס געקענט באַרעכטיקן צוליב דעם אויפשוואונג פון אינגערע און נייערע, וועלכע האָבן טאַקע געדאַרפט קומען צום וואָרט. די מאָדע האָט זיך אָבער שנעל געענדערט. אין די הרצער פון די פאָלקס מאַסן איז לאָנגפעלאָ אַלעמאָל געבליבן איינגעבאַקן. איצט, אָבער, איז ער ווידער דערנעענטערט געוואָרן צו די אַזוי גערופענע העכערע ליטעראַרישע קרייזן. דאָס איינפאַכע דאָס נשמהדיק־זינגענדיקע, און דאָס וואָס איז באַלויכטן פון דער פאַנטאַזיע, קאָן ניט פאַרלוירן ווערן.

עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט אַז לאָנגפעלאָ זאָל דערשיינען אין פולקאָמענער איבערזעצונג אין אידיש. ער איז איבערזעצט אויף אַלע שפּראַכן אין דער וועלט. צו אונדז איז ער נאָענטער, אפשר, ווי צו אַלע אַנדערע פעלקער. זיין פרייד און זיין טרויער, זיין מעלאַנכאָליע און זיין בענקשאַפט, דאַכט זיך מיר זיינען אַזוי נאָענט צו אונדזער אייגענער אידישער ליריק — פיל אינטימער צו אונדז ווי שעלי, קיטס, קאָלרידזש, וויטמאַן און אַנדערע ענגלישע און אַמעריקאַנישע פּאָעטן. עס איז קיין צווייפל ניט אַז די אויבן דערמאָנטע זיינען געווען גרעסערע דיכטערישע פּערזענלעכקייטן און פיל־פאַרביקערע קינסטלער ווי לאָנגפעלאָ, אָבער די מערסטע לידער און געזאַנגען פון לאָנגפעלאָ דרינגען, טאַקע דורך זייער אוממיטלבאַרקייט, גלייך פון האַרץ אין די הערצער פון די לעזער.

אַמעריקע איז רייך אין פּאָעטן, אפשר דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט. מיר דאַכט זיך, אַז אין קיין לאַנד ווערט ניט געשאַפן אַזויפיל דיכטערישע ווערק ווי אין אַמעריקע. אַ יונג לאַנד מיט אַ דערוואַכטן נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין. יעדער טייל פון לאַנד לעבט און שאַפט, און אַלע צוזאַמען — די סאָוט, די וועסט, די נאָרט, און די איסט, — פאַרבינדן זיך אין איין וואונדערלעכן אָרקעסטער. עס קומט פאָר אַן אינדוסטריעלע איבערבּייאונג. אַנדערע לעבנס־שטראָמען און אידייען, רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן. ברעכונגען און איבערברעכונגען. עס איז אַזוי נאַטירלעך אַז עס זיינען דערשינען די סאַנדבורגס, די מאַסטערס, די לינדסעיס, און אפילו די אונטערמייערס און ראָבינסאָנס און צענדליקע אַנדערע קלענערע און אפשר גרעסערע ווי די וועלכע מיר האָבן דאָ דערמאָנט. זיי האָבן אויפגעכאַפּט די מאָדערנע פּראָבלעמען, די מאָדערנע מיליע אין שטאָט און אין דאָרף.

אָבער אין אַ רעגנדיקן טאָג, אָדער אין אַ מעלאַנכאָלישער שעה איז אַ נשמה־אָפּרו צו ליי‍ענען די שטילע, איינפאַכע מוזיקאַלישע פערזן פון לאָנגפעלאָ.

די פייל און דאָס ליד

כ׳האָב אויסגעשאָסן הויך אַ פייל,
זי איז פאַרשוואונדן אין איין ווייל;
צו פלינק איז זי פאַרביי מיין בליק —
האָב ניט געפונען זי צוריק.

כ׳האָב אויסגעזונגען אַ געזאַנג,
איז לאַנג פאַרקלונגען יעדער קלאַנג;
ווייל ווער פאַרשטייט דען מיט זיין זין
וואו עס קומט אַ ליד אַהין?

אַ צייט דערנאָך האָב איך דערזען
די פייל אין דעמב, גאַנץ ווי געווען;
און ס׳ליד מיינס האָט אויפסניי געשיינט
אין האַרצן פון אַ טרייען פריינט.

דעם שקלאַפס חלום

ער איז געלעגן אויפן פעלד,
זיין שאַרפער סערפּ אין האַנט;
זיין ברוסט אַנטבלויזט, און זיינע האָר
פאַרזונקען אין דעם זאַמד;
ער האָט איצט ווידער אין זיין שלאָף
געזען זיין היים, זיין לאַנד.

ער חלומט, אַז דער „נאַיגער" פליסט
דורך לאַנדשאַפט שטאָלץ אַוועק;
אַ קעניג אויף דאָס ניי, שפּאַצירט
ער אויף דעם פּאַלמען-שטעג;
און הערט דעם קאַראַוואַנען-קלונג
פון באַרג, דורך שמאָלן וועג.

זיין קעניגען, שוואַרץ-אויגיק שיין,
מיט קינדערלעך ביינאַנד;
זיי האַלדזן אים, זיי קושן אים
און האַלטן אים ביים האַנט! —
עס קוועלט אַ טרער פון טרוימערס אויג
און זינקט אַריין אין זאַמד.

ער חלומט, אַז ער רייט ביים טייך
אין ווילד געלויף און פלינק;
די צוים און לייץ פון גאָלד געשטריקט
און מיט אַ קריגערס קלונג,
קלינגט אָפּ זיין שייד פון שטאָל ביים זייט
פון פערד, מיט יעדן שפּרונג.

פאָרויס, גלייך ווי אַ רויטע פאָן,
אַ צוג פלאַמינגאָס ציט;
ער פאָלגט זיי נאָך ביז נאַכט, דורך פעלד
וואו ס'וואַקסט דער טאַמאַרינד, —
ביז ער דעם ים ביי קאַפיר מערקט,
אין זון-פאַרגאַנג צעגליט.

ביינאַכט, ער הערט ז'עם לייבס געברום,
און די היענע שרייט,
די טריט פון היפּאָפּאָטאַמוס
ביים וואַסער ביי דער זייט, —
און ס'פּירט דאַן, ווי אַ פּויקן־רוף,
דורך חלום אים אין ווייט.

מיט טויזנט שטימען פון דעם וואַלד
קלינגט פרייהייט אויף דאָס ניי;
דער מדבר־ווינט רופט הויך און שרייט
מיט ווילדן קול און פריי; —
דער טרוימער שמייכלט אין זיין שלאָף,
עס וועקט אים אויף דער שריי.

— — — — — — — — — — — — — —

ער פילט ניט מער דעם טרייבערס בייטש,
און ניט די היץ, וואָס שטיקט;
דער טויט האָט אים פאַרשלעפּערט טיף,
אַ מענטש אָן לעבן ליגט;
אָן זעל, אַן אויסגעדינטער גוף,
אַ שקלאַף, פון יאָך דערדריקט.

טאָג־ליכט און נאַכט־ליכט

ווי אַ לופט-שלאַנג פון פאַפיר
האָט באַוויזן זיך פאַר מיר
נעכטן די לבנה דאָ,
ברייט בייטאָג, צו מיטאָג-שעה.

כ'האָב געלייענט אַ געדיכט,
ביי דער העלער מיטאָג-ליכט;
ס'האָט דערשיינט ווי גייסטערהאפט,
קאַלט, און אָן שום ליידנשאַפט.

איז פאַרביי דער טומל-טאָג
מיט זיין פיבערהאַפטער פלאָג;
אויף דער ערד איז שטיל, באזאכט
צוגעפאַלן באַלד די נאַכט.

די לבנה, מיט איר פּראַכט,
האָט דער מיסטעריעזער נאַכט
אין איר צויבער-ליכט געהילט,
און מיט גייסטער אָנגעפילט.

איז אויפסניי געוועזן דאָס ליד
ווי מוזיק פאַר מיין געמיט;
ס'האָט מיר ערשט די **שטילע נאַכט**
זיין געהיימנים קלאָר געמאַכט . . .

די זינגער

האָט גאָט געשיקט אונז זינגער דריי,
מיט הערצער זינגענדיגע פריי;
צו זינגען דאָ פון צער און גליק
און ברענגען אונדז צום הימל צוריק.

דער ערשטער יונג און שיין און שאַרף
געשפּילט האָט אויף אַ גאָלדערנער האַרף;
ביים וואַלד און שטראָם געשאַלט האָט פריי
זיין ליד פון אונדזער טרוימעריי.

דער צווייטער, מיטליעריק, שטאַרק,
געשטאַנען איז אין מיטן מאַרק,
און האָט מיט טיפן טאָן, וואָס רעגט,
דאָס האַרץ פון פאָלק צו גוטס געוועקט.

דער דריטער — אַלט, מיט זילבער־האָר,
געזונגען האָט אין טעמפּלען נאָר,
און ס'האָט דער אָרגל ווידערהאַלט
חרטה דורך דאָס מויל פון גאָלד.

און ס'פאָלק פאַרפירט האָט קריגעריי:
ווער ס'איז דער בעסטער פון די דריי;
ווייל ס'האָט ניט אָפּגעקלונגען רייך
ביי אַלע, זייער זינגען גלייך.

דאַן האָט אַ בת־קול זיך דערהערט:
„ווער בעסער איז, אומזיסט איר קלערט,
ס'איז ווי אַזוי דער דיכטער שאַפט —
מיט חכמה, צויבער, צי מיט קראַפט!"

„דאָס אַלץ איז וואָס מען דאַרף — ניט מער,
און ווער עס האָט אַ גוט געהער,
וועט אין דעם זינגען פון די דריי
דערהערן אַלץ וואָס שיין און ניי".

דער אָוונט־גלאָק

מיט פייערלעכן אומעט,
ווי טרויער געזאַנג,
קלינגט אויס אין דער לופטן
דער גלאָק זיין געקלאַנג:

לעשט אויס אַלע ליכטער,
דאָס פייער דעקט צו;
דער מאָרגן ברענגט אַרבעט,
די נאַכט גיט אונדז רו.

עס טונקלט אין פענצטער,
דער פייער גייט אויס;
די שטימען פאַרקלינגען —
קיין טריט אין דעם הויז.

קיין שטים אין די שטיבער,
קיין קול אין דעם זאַל;
דער שלאָף, דאָס פאַרגעסן —
זיך שפרייט איבעראַל!

דאָס בוך איז געענדיקט,
דערגרייכט ביז אַ ברעג;
די האַנט לייגט די בויגנס
און פעדער אַוועק.

די בילדער פאַרבלייכן,
פאַנטאַזיע פאַרפליט;
ווי קוילן און פונקען
פאַרגייט און פאַרגליט.

דאָס ליד, די לעגענדע,
פאַרקלינגט ווייט, אַהין —
דאָס פענצטער ווערט פינצטער,
און קאַלט דער קאַמין.

און שוואַרצער באַפאַלן
די שאָטנס אַרום,
דער שלאָף, דאָס פאַרגעסן —
זיך שפרייט אומעטום.

רעגנטאָג

דער טאָג איז קאַלט און מרה-שחורהדיק,
עס רעגנט, און אַ ווינט בלאָזט מוראַדיק;
נאָך הענגט דער וויינשטאָק אויף דער שימלדיקער וואַנט,
דאָך פאַלן פון דעם ווינט די בלעטער נאָכאַנאַנד,
און דער טאָג איז מרה-שחורהדיק.

מיין וועלט איז קאַלט און מרה-שחורהדיק,
עס רעגנט און דער ווינט בלאָזט מוראַדיק;
נאָך האַלט זיך אָן מיין זעל אין דער פאַרגאַנגענהייט,
דאָך פאַלט פאַרוויינט די האָפענונג פון יוגנט-צייט,
און די טעג — זיי גייען מרה-שחורהדיק.

הער אויף באַקלאָגן זיך, מיין אָרים זעל,
די זון שיינט אַלץ נאָך הינטער וואָלקנס העל;
דיין גורל איז דער גורל פון דעם כלל,
אין יעדנס לעבן טרעפט אַ רעגן פאַל,
עס מוזן מאַנכע טעג זיין מרה-שחורהדיק.

אַ פּסאַלם פון לעבן

(וואָס דאָס האַרץ פון אַ יונגגמאַן האָט געזאָגט צום פּסאַלמיסט)

1

זאָג מיר ניט, אָ, טריבער דיכטער,
אַז דאָס לעבן איז אַ טרוים;
אַז דער טויט איז דער פאַרניכטער,
און אַז אַלץ איז לויטער שוים.

2

אונדזער לעבן, וויל איך גלויבן,
הייסט זיין מוטיק, הייסט זיין דרייסט;
און דאָס שפּריכוואָרט: „שטויב — צו שטויבן"
פּאַסט זיך ניט צום מענטשנס גייסט.

3

ניט ביי פרייד און ניט ביי זאָרגן
איז דער ציל צו בלייבן שטיין;
לעב אַזוי, אַז יעדער מאָרגן
זאָל דיך זען אין ווייטן גיין.

4

קונסט איז דויעריק, יאָרן יאָגן,
און דאָס האַרץ, כאָטש גרויס און טריי,
ווי אַ פּויק האַלט שווער אין שלאָגן
אַ לויה-מאַרש דערביי.

5

לאָז ניט ווי אַ שקלאַף זיך טרייבן,
אויף דעם שלאַכט-פעלד פון דער וועלט,
זע, דו זאָלסט נאָר טריי זיך בלייבן,
און אין קאַמף שטיין ווי אַ העלד.

6

גלויב ניט אין קיין שפעטע גליקן,
און דעם עבר טרייב ווי רויך!
שאַף און ווענד צום איצט די בליקן —
גאָט אין האַרץ, און אין דער הויך.

7

לעבנס פון די גרויסע צייגן:
ווענן צו אומשטערבלעכקייט!
יאָ, מיר קענען העכער שטייגן,
לאָזן טריט אין זאַמד פון צייט;

8

שפּורן — ווען עס וועט אַנאַנדערער,
דורך דעם לעבנס-וועג פאַרביי,
אויף דער גאָרער וועלט אַ וואַנדערער —
אפשר גריסן זיי אויפסניי.

9

לאָמיר שאַפן דאָ ביים לעבן,
און ניט זוכן מזלם שולד;
שטענדיק שטרעבן, אייביק שוועבן,
שאַפן פריידיק, מיט געדולד.

פאַרטאָג

האָט אויפגעהויבן זיך פון ים א ווינט,
און האָט געזאָגט: „טרעט, נעבל, אָפּ געשווינד!"

האָט אויסגערופן אויפן קול: „דערוואכט,
אי שיף אי שיפער — ס׳איז אוועק די נאכט!"

און איז צום לאַנד אוועק, אין שנעלן לויף,
און אויסגעשריען הויך: „עס טאָגט, שטייט אויף!"

און צו דעם וואַלד האָט ער געזאָגט: „געזעל,
הענג אוים די בלעטער-פענער דיינע שנעל!"

און אָנגערירט דעם פויגלס פליגל שטיל:
„וואַך אויף אויך פויגל מיט דיין זים געטריל!"

און איבער דאָרף האָט ער דעם האָן געמאָנט:
„שטיי אויף, און קריי און וועק: דער טאָג איז נאָענט!"

איז פלינק צום קאָרן-פעלד מיט פליסטער צו:
„מיט נויגן זיך באַגרים דעם טאָג אויך דו!"

איז דורך מיט שרעק דעם טורעם, הויך און גראָ:
„דערוואַך, דו גלאָק! דערקלער, זאָג-אָן די שעה!"

און נאָכדעם — דעם בית-עולם שטיל פאַרביי
און איינגערוימט: נאָך ניט, גאַנץ רואיק זייו!"

מידקייט

אָ, קינדער־פיס, וואָס מוזן לאַנג
נאָך וואַנדערן דורך פרייד און באַנג,
און אונטער לאַסט נאָך בלוטן פּיל;
איך, קומענדיק צום גאַסט־הויז צו,
וואו מידע מענטשן זוכן רו,
בין מיד, ווען כ׳טראַכט פון אייער ציל!

אָ, קינדער־הענט! וואָס, שטאַרק צי שוואַך,
צו דינען האָבן נאָך אַ סך,
צו געבן, בעטן מער און מער;
איך, וועלכער האָט מיט פּען, געזאַנג,
געאַרבעט צווישן מענטשן לאַנג,
פּיל־מיט, ווי אייער וועג איז שווער.

אָ, קינדער־הערצער! ווי איר שלאָגט,
און וויפיל פייער איר פאַרמאָגט;
איר רעגט פאַרלאַנגען און איר וועקט!
מיין האַרץ, וואָס האָט אַמאָל געברענט,
איז איצטער, אַך, אין אַש פאַרווענדט,
און ס׳האָט דעם פייער צוגעדעקט.

אָ, קינדער־זעלן, ווייס און ריין,
ווי מאָרגן־שטראַלן ראָזיק־שיין,
וואָס פאַלן פון דעם הימל העל;
דאָך מיין זון זינקט אין רויטער־שיין,
דורכן נעבל פון די יאָרן מיין; —
און ס׳בעט נאָך רו מיין זעל!

האַרבסט אין האַרצן

ס'איז האַרבסט-צייט, ניט אין דרויסן,
אין האַרצן פיל איך האַרבסטיק-קאַלט;
אַרום הערשט יוגנט, פרילינג,
נאָר איך בין שוין געוואָרן אַלט.

אין לופט די פייגל פליען,
זיי בויען, זינגען מיט פיל לוסט;
אין אַלץ באַוועגט זיך לעבן,
נאָר ניט אין מיין פאַראיינזאַמט ברוסט.

די געל-פאַרוועלקטע בלעטער,
זיי רוישן, פאַלן — בלייבן שטיל;
מען דרעשט ניט מער די גאַרבן,
און ס'הערט זיך קיין גערויש פון מיל . . .

האָרבסט

(צום ערשטן יאָרצייט פון מיין פאָטער
ר׳ משה מיכאל ז״ל, געשטאָרבן 14 טעג
אין חודש חשון, 1929)

מיט וואָס פאַר אַ גלאַנץ עס קומט און ס׳גייט דאָס יאָר!
די פרילינג קנאָספּן, צאַרטע אָנזאָגער
אויף בלויע הימלען און אויף טעג מיט זון,
באַצירן מילד די יונגנטפולע ערד!
דאָך קוים דאָס זילבער-קלייד פון וואָלקענדלעך
פאַרשלייערט לייכט און צאַרט די זון פון הערבסט,
און מיט אַ שטילער פרייד דאָס אַלטע יאָר
נעמט אויף די הערשאַפט פון די גאָלדנע פרוכט, —
פילט שטאָלצע פראַכט דאַן אָן דאָס שיינע לאַנד!
אַ פרידנס-גייסט שוועבט אום, און פריי באַהויכט
זיין רייפע רייכקייט אויף דעם טרויבן-בוים!
און פון אַ בעכער פול מיט רייכער פאַרב
ער גיסט מיט נייער פראַכט אויף האָרבסטיקן וואַלד,
און טונקט די וואָלקנס איין אין וואַרים ליכט.
גלייך ווי אַ פויגל הויבט דער מאָרגן אויף
די ראָזע פליגל זיינע אויף דעם באַרג;
און אין די טאָלן קושט דער לינדער ווינט,
גלייך ווי אַ ליבהאָבער, דאָס רויטע בלאַט,
וועקט לעבן אויף אין פייערלעכן וואַלד,
פון רויט און בראָנז און זילבערנעם קאָליר,
וואו ס׳רוט זיך אָפּ אַ מידער ביי דעם וועג,
דער האָרבסט, אַט ווי אַן אַלטער, גרויער גרייז.
דער פויגל פלאַטערט דורך דיביימער פריי.
דער פורפור-פינק, וואָס נאַשט פון צעדערבוים,
און פון די ווילדע קאַרשן נאַרונג קריגט,
אַ ווינטער-פויגל, מיט אַ באַנג געזאַנג
קומט אָן, און פיקט פון שווערן נוסנצווייג,
בשעת דער בלויער פויגל, טרילענדיק

אויף הויכן קול, שפּרינגט אום פון דאַך אויף דאַך;
און לוסטיק קלינגט דאָרט אָפּ פון דרעש־מאַשין
דאָס שלאָגן מיט אַ קיינמאָל־מידן שלאָג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי הערלעך־שיין עס איז די וועלט אין הארבסט,
פאַר דעם וואָס גייט אַרום מיט טיף־געפיל
דאָ, אונטער קלאָרן הימל, און באַטראַכט
ווי ער האָט טריי און אַרבעטסזאַם געלעבט!
ער וועט פאַרנעמען יענע טיפע שטים
פון ווינט און פון דעם וועלקנדיקן בלאַט.
עס וועט אים קלינגען פייערלעך דאָס ליד
פון טויט, פאַר אַלע גלייך, און ער וועט גיין
צו לעצטער, לאַנגער רו גאָר אָן אַ טרער.

פאַרנאַכט

עס טונקלט און ס׳איז וואָלקנדיק,
און ס׳יאָגט דער ווינט אַן ציל;
און ווייס ווי פליגל בליאַסקעט־אויף
דער שוים פון כוואַליען־שפּיל.

דאָך שיינט פון לאָמפּ אַ רויטלעך ליכט,
אין קליינעם פישער־הויז,
און פון דעם פענצטער, אין דער נאַכט,
קוקט ליב אַ קינד אַרויס.

די אויגעלעך צום שויב געדריקט,
מיט בענקשאַפט, און פאַרטראַכט,
גלייך ווי ס׳וואָלט זוכן אַ געשטאַלט
אין חושך פון דער נאַכט.

אַ שאָטן פון אַ פרוי זיך וויגט
אין שטיבל, אויף און אָפּ,
אַט הויבט ער זיך צום באַלקן הויך,
אַט בויגט ער זיך אַראָפּ.

אָך, וואָס דערציילט דער בייזער ים,
און וואָס דערציילט דער ווינט,
וואָס קלאַפּט אין לאָדן אַזוי ווילד —
דעם קליינעם פישער־קינד?

און וואָס באַטריבט דער ים און ווינט
אין זייער ווילדן כעס —
דאָס האַרץ דער פרוי׳ס אין פישער־הויז
און מאַכט איר פּנים בלאַס?...

אַ זוניקער טאָג

אָ׳ גאָלדנער טאָג! אָ, גאָלדנע וואָר!
עס פילט זיך ווי צו שפילן נאַר;
עס גיט באַגייסטערונג מיין זין,
ניט ווייל איך שאַף — נאָר ווייל איך בין!

דורך יעדן צעל און האַרץ-געוועב,
דורך יעדן נערוו — איך פיל — איך לעב.
עלעקטריש צוקט מיין לעבנס-שטראָם
אין מיר, און ווייסט ניט פון קיין צאַם.

איך הער, עס שפילט אין וואַלד אַצינד,
סימפאָניעס הימלישע, דער ווינט,
און ס׳וויגן זיך די צווייגן-הענט,
ווי סטרונעס אויף אַן אינסטרומענט.

און איבער מיר, פון שיין באַהעלט,
דער הימל וועלבט זיך ווי אַ צעלט,
און אויפן וואַסער בלוי און טיף
שווימט אום די זון — אַ גאָלדענע שיף . . .

צום נעבל-לאַנד אין מערב-זייט,
צו אינדזלען פריידיקע און ווייט,
וואו קרום און הויך דאָס בערג-לאַנד שטייגט
און שניי-באַדעקטע שפיצן צייגט.

נו, ווייעט, ווינטן! איבעראַל,
צעוואָרפט דעם שניי — דאָס בליטן-פאַל!
נו, ווייעט, ווינטן! בויגט צו מיר
דעם בלוימען-צווייג אין פורפור ציר!

אָ, ליבע, לעבן, און געדראַנג,
פון פרייד-געדאַנקען, אַ געזאַנג!
אָ, האַרץ! אויך דו באַניי דיין שוואונג,
און זיי ווי היינט — אי פריי, אי יונג . . .

דאָס טייכל און די ים - כוואַליע

דאָס טייכל איז פון בארג אראָפּ
— ווי ס'ליד זיך ווידערהאָלט —
אַ לויפנדיקס מיט זילבער־פים
דורך ריינעם זאַמד ווי גאָלד.

אַ בייזע כוואַליע אויף דעם ים
אין ווילד אַרוים פון צוים,
דאָ זינגענדיק אַנטקעגן ברעג,
דאָ ברומענדיק ביים תהום.

און ס'טייכל האָט אַנטדעקט דעם ים,
כאָטש איינס פון צווייטן ווייט,
און אָנגעפילט זיין ביטער האַרץ
מיט פרישער זיסקייט.

דאָס געהיימע קאַמער

ס׳האָט איטלעך האַרץ זיין קאַמער,
פון לבנה-ליכט באַהעלט;
אויפן דיל — געהיימע פוס-טריט,
אַ פליסטערן — ביי די ווענט!

גאַר אָפט דערשיינען בילדער —
פאַר מיר — פון וויטער צייט,
באַוועגלאַזע ווי שאָטנס,
וואָס קומען פון דער וויט.

איך זע אַ שאָטן ביים פענצטער,
וואָס מ׳קען בייטאָג ניט זען, —
ווי שנעל ס׳קומט אָן פרימאָרגן —
ער טוט אין לופט צוגיין.

ער זיצט אין שיין פון לבנה
געהילט, און בלייך און קאַלט,
און ווייזט מיט לופטיקע פינגער,
דורכן פענצטער צו דעם וואַלד.

אין וואַלד, דאָרט טיף אין דרויסן,
שטייט טריב אַ טענענבוים,
די צווייגן זיינע רוישן,
ווי ס׳רוישט מיין האַרץ אין טרוים.

דער בוים מיט זיינע צווייגן
אַ קברל באַוואַכט
אַ קינדס, וואָס האָט נאָך קיינמאָל
געוויינט און ניט געלאַכט.

ווער זייט איר, בלייכע גייסטער!
מיין זין — וואָס מאַכט איר שווער?
איר פליט מיט דעם פרימאָרגן,
און קומט ביינאַכט אַהער!

ווער זייט איר, בלאַסע גייסטער? —
סטאַטועז בלויז ביים ראַנד,
פון בריק, דעם גייסטערהאַפטן,
דעם סטיקס* וואָס איבערשפאַנט?

---

*סטיקס — אין מיטאָלאָגיע — דער שטילער טייך פון טויט.

שנייעלעך

הויך פון דעם הימלס גרויען רוים,
דורך וואָלקנס קלייד — פון ווינט צעפליקט,
אויף פעלדער נאַקעטע און ברוין,
און איבער שטרעקעס — וואו מען בליקט —
פאַלט ווי אַ טיף פאַרשטילטער ווײ
אַראָפּ דער גרינגער, ווייכער שניי.

ווי ס'לויכט־אויף ווען אין זעלען־דראַנג
דעם מענטשנס גייסט מיט העלער ליכט,
און ווי פון הארץ דער טיפער באַנג
פאַרראַט זיך אויף דאָס בלייך געזיכט,
אַזוי דער הימל אונדז אַנטהילט
די טיפע ליידן, וואָס ער פילט.

דאָס איז אַ באַנגער לופט־געזאַנג,
אין ווייסע זילבן שטיל פאַרשריבן;
דאָס איז דער סוד פון יאוש, לאַנג,
אין וואָלקנס הארצן אָנגעקליבן;
אויסגערעדט איצט און ערשט אַנטדעקט,
פאַר פעלד און וואלד — אין ווייט געשטרעקט.

האַרבסט

דו קומסט, אַ האַרבסט, — דיין העראָלד איז דער רעגן,
מיט שטורם-געבייטשטע פענער אין דער האַנט,
פיל גלאַנציקער ווי זייד פון סאַמאַרקאַנד,
מיט אָקסן, מאַיעסטעטיש, אונדז אַנטקעגן.

דו שטייסט, ווי מוקדון, אויף דיין גאָלדענעם בריק;
און אויסגעשפּרייט דיין קעניגלעכע האַנט,
מיט פילע ברכות איבער גאָר דיין לאַנד,
צו בענטשן אַלע מיט דיין גליק.

די רויטע האַרבסט-לבנה איז דיין שילד,
אַראָפּגעהאַנגען פון דעם ברעג פון רוים;
דער דאָרפמאַן בעט פאַר דיר מיט האָפנונג, מילד;

ווי מזבח-פלאַמען גליִען דיינע גאַרבן;
דער ווינט, דער פילאַנטראָפ, צעוואַרפט פון בוים,
פאַר דיר, די בלעטער מיט די גאָלד'נע פאַרבן.

דער אַרסענאַל אין ספּרינגפּילד *)

דאָס איז דער אַרסענאַל! פון דיל ביז דאַך —
איך זע געווער, ווי אָרגל־רערן שטייגן;
נאָר ס'דראָעט שטום, עס שרעקט ניט דער געקראַך
די דערפער דאָ אַרום, אין פרייד און שווייגן.

דאָך וואָס פאַר ווילדע, גרוילעכע מוזיק
ווען ס'זאָל אַמאָל פון טויט די בייזע האַנט
אַ ריר טאָן אַ די טענער אין איין בליק!
וואָס פאַר אַ יאָמער־שפּיל, געמישט מיט בראַנד!

איך הער נאָך איצט דעם מוראדיקן כאָר,
דאָס טיפע זיפצן, און דעם אַנגסט־געשריי,
וואָס, דורך די דורות, גרייכן אונדז, ווי וואָר,
אין לאַנגע ווידערהאַלונגען אין ריי.

די זאַקסן זוכן אַלץ נאָך מעש און האַמער,
און דאָס נאָרמאַנען־ליד דורך וואַלד דורכדרינגט,
און רעשיג־הויך, אין מיטן גרויסן יאָמער,
דעם טאַטערס טאַץ דורך די מדבריות קלינגט.

איך הער די פלאָרענטינער**) ווי זיי שאַלן
אויף זייער קריגס־גלאָק, מיט אַ שרעק־געקלאַנג,
און די אַצטעקן פון די טהעאָקאַלן***)
אויפן ווילדן פויק. געמאַכט פון הויט פון שלאַנג;

---

*) דער אַרסענאַל אין ספּרינגפּילד — אַ באַרימטער נאַציאָנאַלער פּלאַץ פאַר געווער. אין 1777 האָט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן אויסגעקליבן דעם דאָזיקן פלאַץ פאַר אַן אַרסענאַל. אין 1887 האָט מען דאָרטן אָנגעהויב פּראָדוצירן געווער פאַרן לאַנד.

**) די פלאָרענטינער פונם 13טן יאָרהונדערט פלעגן אין צייט פון קריג אַרויסקייקלען די מאַרטינעלא, דעם שלאַכט־גלאָק אויפן סאַמע שלאַכטפעלד און אָוועקשטעלן אים נאָענט צו דער שלאַכט פאָן.

***) טעהאקאלן—פּיראַמידן אויף וועלכע די אַצטעקן–פּריסטער פלעגן פּראַווען גאָטעס דינסט.

דער טומל פון דעם פּלינדערונג-געשריי:
דאָס שרייען, וואָס פאַרטויבט דאָס הילף-געבעט;
דאָס הוליען פון דער רויבערישער אַרמיי;
דאָס הונגער-קלאָגן אין באַלאַגערטע שטעט;

געפּלאַצטע באָמבעס, קלינגענדיק געווער
פון שטיין, און פון דעם שאַרפן שפּיז און שווערד,
און אויף-און-אָפּ מיט דונער-טענער שווער
דאָס דומפּע קראַכן פון קאַנאָן זיך הערט.

יאָ, מיט דעם דיסהאַרמאָנישן געקלאַנג,
דערשטיקסטו, מענטשהייט, דער נאַטורס געזאַנג,
מיט אינסטרומענטן בייזע ווי אַט די,
און דו צעשטערסט די ספּערן-האַרמאָני!

וואָלט נאָר אַ העלפט פון אַט דאָס גאָלד און מאַכט,
וואָס דינט דעם קריג, און פּילט די וועלט מיט גאַל —
געדינט דער בילדונג, ליכטיק מאַכן נאַכט, —
דאַן וואָלט מען ניט באַדאַרפט קיין אַרסענאַל!

דעם קריגערס נאָמען וואָלטן מיר פאַרהאַסט!
דאָס פאָלק, וואָס וואָלט מיט שווערד און שפּיז געבליצט,
וואָלט אייביק דאַן געטראָגן שווער די לאַסט
פון קינס פלוך אויף שטערן אויסגעקריצט!

אין ווייטער צוקונפט, דורך די דורות לאַנג,
פאַרגייט, פאַרשטומט פון קריג דער ווידערקול,
און ווי אַ גלאָק, מיט געטלעך-זיסן קלאַנג,
כ'הער „פרידן” ווידער פון דעם נביא'ס מויל!

יאָ, פרידן! און מען הערט ניט מער דעם קלאַנג
פון קריגס-געשאַל, וואָס הימלען איבערשרעקט!
נאָר, שיין ווי פון די הויכן אַ געזאַנג,
וואָס רופט צו פרידן, און צו ליבע וועקט . . .

דאָס אָפענע פענצטער

געשטאַנען איז דאָס אַלטע הויז
אין לינדן שאָטן שטיל;
און אויף דעם זאַמד-שטיינערנעם וועג
אַ זון-און-שאָטן שפּיל.

די פענצטער פון דעם קינדער-שטוב
איז אָפן ברייט געווען;
דאָך פנימלעך פון קינדערלעך
איז ניט געווען צו זען.

דער ניופאַנדלענדער הונט ביים טיר
האָט מיט זיין שאַרפן בליק
געזוכט די שפּיל-חברימלעך
וואָס קומען מער ניט צ'ריק.

ניטאָ זיי מער שוין אויף דעם גראָז
און ניט אין גרוימען זאַל;
בלויז שאָטן, שטילקייט, אומעט
איצט הענגט דאָ איבעראַל.

עס זינגען שיין נאָך ווי אַמאָל
די פייגל אויף דעם בוים:
דאָך דאָס געזאַנג פון קינדערלעך —
דאָס הערט מען נאָר אין טרוים.

און ביי מיין זייט דער אינגעלע —
ער האָט נאָך ניט פאַרשטאַנד;
פאַרוואָס איך דריק איצט פעסט אַזוי
זיין וואַרימע, קליינע האַנט!

עפעס בלייבט נאָך ניט דערטאָן

ארבעט פיל דו ווילסט אליין,
עפּעס בלייבט דאָך ניט דערטאָן, —
עפּעס ניט פארענדיקט נאָך
ווארט אויף מאָרגנדיקער זון . . .

ביי דיין בעט, צי ביי דיין שוועל,
ביי דיין פאַרקאָן, ביי דיין טיר,
ווארט עס מיט געבעט, צי שרעק —
ווי אַ בעטלער ווארט אויף דיר . . .

ווארט, און לאָזט דיך ניט צורו;
ווארט, און לאָזט דיך אַפּ ניט מער —
דורך דעם נעכטנס זאָרג און לאַסט
ווערט דער היינט דיר טאָפּלט שווער;

ביז דו קענסט דיין שווערן יאָך
סוף כל סוף דערטראָגן קוים,
און דו פילסט זיך שווער געדריקט,
גלייך ווי פון אַ שווערן טרוים.

טראָגסט אזוי טאָג־איין טאָג־אוים
שווער אויף זיך דעם לעבנס־עול,
ווי דער קאַרליק טראָגט דעם הימל
אין לעגענדעס פון אַמאָל . . .

דער טאָג פאַרגייט

דעם באַליבטן דיכטער
אברהם רייזענען
אַ געשאַנק

דער טאָג פאַרגייט, און פינצטערניש
פאַלט פון די פליגל פון דער נאַכט,
ווי פון אַן אָדלער אין זיין פלי
עס פאַלט אַראָפּ אַ פעדער זאַכט.

איך זע די ליכטער פון דעם דאָרף,
דורך רעגן און דורך נעבל העל;
עס נעמט אַן אומעט מיך אַרום,
און ס'קאָן ניט ווידערשטיין מיין זעל.

אַ מאָדנער בענקענדער געפיל,
וואָס איז צו לייד גאָר ווייניק נאָנט,
און איז צו לייד געגליכן בלויז
ווי נעבל — רעגן אונדז דערמאָנט.

קום לייען איצט מיר אַ געדיכט,
אַן איינפאַך, האַרציק-ליבע ליד,
וואָס זאָל פאַרטרייבן מיר מיין זאָרג
און שטילן מיר מיין ווי-געמיט.

ניט פון די מייסטער פון אַמאָל,
די דיכטער פון דעם העכסטן ראַנג,
וואָס אין דעם קאָרידאָר פון צייט
קלינגט אָפּ נאָך זייער ווייטער גאַנג.

ווייל זייער מעכטיקער געדאַנק
רופט ווי דער קריגס-טראָמפּייטן-קלאַנג
צו לעבנס-שווערער מי און טאַט; —
היינט נאַכט איז רו בלויז מיין פאַרלאַנג.

לעז פון אַן איינפאַכן פּאָעט,
וואָס זיינס אַ ליד פון האַרצן קוואַלט,
גלייך ווי אַ רעגן זומער-צייט,
צי ווי אַ טרער פון אויג וואָס פאַלט;

אַ מענטש, וואָס האָט דורך טעג פון מי
און נעכט פול זאָרג, און גאָר אָן גליק,
פאַרנומען דאָך מיט טיפער זעל
די פיינסטע, איידלסטע מוזיק.

אַ ליד אַזאַ האָט פולע קראַפט
צו לינדערן פון האַרץ די לייד,
עס גרייכט ווי די געְנאָד פון גאָט
וואָס קומט נאָך הערלעכן געבעט.

דאַן לייען מיר פון ליבלינגס-בוך
דיין אייגן-אויסדערוויילט געזאַנג,
און לעז מיט שיינקייט אין דיין שטים
צום דיכטערס ריטם און זיין קלאַנג.

און זאָל די נאַכט זיין פול מוזיק,
און זאָל די זאָרג וואָס פּלאָגט מיט שרעק,
ווי וואַנדערנדע אַראַבער, שטיל —
אַרויסגנבענען זיך ווייט אין וועג.

קינדער

.1

אָ, קומט צו מיר, איר קינדער!
איך הער, איר זייט אין שפּיל;
פאַרשוואונדן אַלע פראַגן
וואָס פלאַגן מיך צופיל.

.2

איר עפנט קעגן זונשיין
די מזרח-פענצטער אויף,
כ'זע זינגענדיקע שוואַלבן
און טײַכלעך אין געלויף.

.3

אין אייער האַרץ הערשט זונשיין,
אין זין — אייך רוישט דער טײַך;
אין מיינעם — ווייעט דער האַרבסט-ווינט,
דער שניי באַגלייט אים גלײַך.

.4

ווי וואָלט די וועלט אָן קינדער
ביי אונדז דאָ אויסגעזען?
נאָך שרעקלעכער פון „נעכטן"
דער „מאָרגן" וואָלט געווען.

.5

וואָס פאַר דעם בוים די בלעטער,
פון לופט און ליכט גענערט,
נאָך איידער זייערע זאַפטן
אין האַלץ פאַרטרוקנט ווערט, —

.6

דאָס איז פּאָר אונדז די קינדער:
עס פּילט זיך אין דעם רוים,
דורך זיי, די ליכט און זונשיין,
נאָך מערער ווי פון בוים.

.7

אָ, קומט צו מיר, איר קינדער,
דערציילט מיר אין דער שטיל:
וואָס פויגל, ווינטן זינגען
אין אייער זוניק-שפּיל.

.8

ווייל וואָס איז אונדזער שטרייטן
און ביכער פון דער וועלט,
מיט אייער קוש פאַרגליכן,
מיט אייער בליק באַהעלט?

.9

פון לידער און באַלאַדן,
זייט איר מיר נאָענט מער;
איר זייט באַזעלטע לידער
און זיי — פון לעבן לער.

עס איז נישט שטענדיק מאַי

די זון לויכט העל, און קלאָר די לופט,
די שוואַלב — זי זינגט אין פרישן טאָן;
פון הויכן בוים אַ פויגל רופט
דעם פרילינגס קומען זאָגט ער אָן.

דער שלענגלענדיקער טייך אַצינד
שטראָמט ווי פון בלויען הימל־ברעג,
וואו וואַרטנדיק פאַרן מערב־ווינט,
די וואָלקנס אַנקערן אין שרעק.

ס׳זעט אויס אַלץ יונג אין פרילינגס־גלי,
די נעסט ביים דאַך — אַ נייע גאָר,
דער בוים זיך צירט אין גאָלד און גרין; —
און לער די נעסט פון אַלטן יאָר!

ס׳ווערט אַלץ דערפרייט מיט לעבן, לוסט,
און ליבע ווינקט און יוגנט לאַכט!
דער מילדער הימל שטילט מיין ברוסט
מיט זיסער צאַרטקייט פון דער נאַכט.

אָ, מיידל, וואָס דו הערסט מיין ליד,
דער פרילינג פליט דיר שנעל פאַרביי;
געניס פון לעבן ווען עס בליט,
ווייל ליידער איז ניט שטענדיק מאַי!

געניס דער יוגנטס ליבליכקייט,
געניס און לאָז צו גאָט די רעשט, —
באַלד ווייזט דיר אָן די וואָר — די צייט:
פון אַלטן יאָר איז לער די נעסט!

דאָס וואַסער שטייגט

דאָס וואַסער שטייגט, דאָס וואַסער פאַלט,
עס קלינגט דער גלאָק, ס'ווערט פינצטער באַלד;
דורך פייכטן זאַמד מיט גיכן טראָט
איילט זיך דער וואַנדערער צו שטאָט,
דאָס וואַסער שטייגט, דאָס וואַסער פאַלט.

נאַכט זינקט אויף הויז, אויף פעלד און וואַלד,
דער פינצטערער ים דאַך רופט און שאַלט
די כוואַליעס מיט אַ ווייסער האַנט
פאַרווישן זאַכט די טריט אין זאַמד,
און ס'וואַסער שטייגט, ס'וואַסער פאַלט.

פרימאָרגן קומט און ס'הערט זיך באַלד
דאָס הירזשען פון די פערד אין שטאַל;
דער טאָג קומט צוריק, דאַך קיינמאָל מער
קומט צוריק דער וואַנדערער אהער.
און ס'וואַסער שטייגט, און ס'וואַסער פאַלט.

דער אַלטער זייגער אויף די טרעפּ (*

1.

ביי דעם דאָרף, ווי אָן אַ זייט,
שטייט דער שלאָס פון אַלטער צייט.
ביימער ביי דעם אַלטן טויער
וואַרפן שאָטנס ווי אין טרויער;
און אין דעם זאַל דאָרט, ביי דער וואַנט,
אַ זייגער מורמלט נאָכאַנאַנד:
„אימער-נימער!
נימער-אימער!"

2.

ער שטייט אין ווינקל פון די ווענט,
און ווייזט מיט זיינע ווייזער-הענט;
פון דעמבענעם מאַסיוון שייד,
ווי אַ מאָנאַך, וואָס אונטער קלייד,
ער צלמט זיך, און זיפצט אָן רו
פאַר די וואָס גייען נאָהנט אים צו:
„אימער-נימער!
נימער-אימער!"

דעם 12טן נאָוועמבער, 1845 האָט לאָנגפעלאָ אָנגעשריבן דאָס פאָלגענדע אין זיין טאָג-בוך: „איך האָב אָנגעהויבן שרייבן אַ ליד וועגן אַ זייגער מיט די ווערטער 'אימער נימער', וואָס איז מיר אַריין אין געדאַנק דורך די ווערטער פון ברידין, דער אַלטער פראַנצויזישער מיסיאָנער, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט וועגן דער אייביקייט, אַז: ס'איז אַ שלאָג-זייגער וועמענס פערפּענדיקל זאָגט און חזרט איבער אָן אָן אויפהער בלויז די דאָזיקע צוויי ווערטער אין דער שטילקייט פון קבר, 'אימער נימער! נימער, אימער!' און דורך דעם דאָזיקן שרעקלעכן שוואונגען פון אויף־און־אָפּ פרעגט אַן אומגליקלעכע נשמה: וויפיל איז דער זייגער? און אַן אַנדערע עלנטע נשמה ענטפערט אים — אייביקייט.

.3

ביטאָג איז מילד זיין שטים און זאַכט,
נאָר אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,
צעקלינגט ער זיך, און ס׳הילכן אָפּ
ווי מענטשנס טריט אַרויף־אַראָפּ;
אויף דיל און באַלקאָן הערט מען אים,
ביי יעדער טיר הילכט אָפּ זיין שטים, —
„ אימער־נימער!
נימער־אימער! ״

.4

דורך טעג פון טויט, דורך טעג פון פרייד,
דורך טעג פון יובעל און פון לייד,
דורך יעדע ענדערונג פון צייט,
ער שטייט אַזוי אָן איבערבייט.
ווי גאָט ער אַלצדינג זעט און הערט,
און ווידערהאַלט גאַנץ שטיל, פאַרקלערט:
„ אימער־נימער!
נימער־אימער! ״

.5

מען פלעגט אַמאָל אין זעלבן שלאָס
פאַר יעדן שטעלן וויין אַ כוס;
דער פייער האָט געוואָרימט טריי;
דער פרעמדער האָט געשפּייזט זיך פריי;
דאָך ווי דער מנא־תקל קלאַנג,
געוואָרנט האָט דער זייגער באַנג, —
„ אימער־נימער!
נימער־אימער! ״

.6

עס האָבן קינדער דאָרט געלאַכט,
פאַרליבטע — טרוימענדיק פאַרבראַכט; —
אַ, ליבע שעהן! גאָלדנע ווייט!
אין איבערפלוס פון גליק און צייט!
אַט ווי דער קאַרגער ציילט זיין געלט,
האָט ער די שטונדן אויסגעשטעלט . . . —
„ אימער-נימער!
נימער-אימער! ”

.7

די כלה פלעגט אין האָכצייט-נאַכט
דערשיינען אין איר ווייסער פראַכט;
געווען אַ חדר אונטן גרייט
אויך פאַר דעם גרייז ווען ער פאַרגייט . . .
און אין דער שטיל, נאָך תפילה, קלאָג,
האָט מען געהערט דעם זייגערס שלאָג, —
„ אימער-נימער!
נימער-אימער! ”

.8

איצט זיינען אַלע שוין צעשפרייט,
ווער ס'לעבט נאָך וואו, און ווער שוין טויט;
און ווען איך פרעג אין טיפן וויי:
„ווען וועל איך ווידער טרעפן זיי?” —
ברומט דאָן דער זייגער אויף זיין קול, —
„ אימער-נימער!
נימער-אימער! ”

.9

אַך, קיינמאָל דאָ, דאָך אייביק דאָרט,
וואו צער און זאָרג, און צייט און אָרט,
און טויט און שיידונג איז ניטאָ,
אויף אימער דאָרט, דאָך קיינמאָל דאָ!
דאָס זאָגט אונדז איצט, און יעדע צייט,
דער זייגער פון דער אייביקייט, —
„אימער-נימער!
נימער-אימער!"

אינהאַלט:

הענרי וואַדסוואָרטה לאָנגפעלאָ (קורצע ביאָגראַפיע)............5
אַ סקיצירטע עסעי (פון יואל סלאָנים)............7
די פייל און דאַס ליד 13
דעם שקלאַפס חלום 14
טאָג־ליכט און נאַכט־ליכט 16
די זינגער 17
דער אָוונט־גלאָק 18
רעגן-טאָג 19
אַ פסאַלם פון לעבן 20
פאַרטאָג 22
מידקייט 23
האַרבסט אין האַרצן 24
האַרבסט 25
פאַרנאַכט 27
אַ זוניקער טאָג 28
דאָס טייכל און די ים-כוואַליע 29
דאָס געהיימע קאַמער 30
שנייעלעך 32
האַרבסט 33
דער אַרסענאַל אין ספרינגפילד 34
דאָס אָפענע פענצטער 37
עפּעס בלייבט נאָך ניט דערטאָן 38
דער טאָג פאַרגייט 39
קינדער 41
עס איז ניט שטענדיק מאַי 43
דאָס וואַסער שטייגט 44
דער אַלטער זייגער אויף די טרעפּ 45